בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# אַ גוּטֶע חִינוּךְ

**וִוי עֶס וֶוערְט עֶרְקְלֶערְט וָואס הֵייסְט אַ גוּטֶע חִינוּךְ, אוּן וִוי גוּט דָאס לֶעבְּן גֵייט וֶוען מֶען הָאט בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע חִינוּךְ, וִוי אוֹיךְ פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גוּטֶע חִינוּךְ.**

פָארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"ש זי"ע

פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, תשע"ג

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

**רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

**רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן גְּמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהש"ת
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - קִרְיַת יוֹאֵל יצ"ו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
## קרן הדפסה היכל הקודש
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# אַ גוּטֶע חִינוּךְ

## א.

### וואוּ לוֹינְט זִיךְ צוּ אִינְוֶועסְטִירְן?

דֶער חָלוֹם אוּן גַאנְצֶער שְׁטְרֶעבוּנְג פוּן יֶעדֶע טַאטֶע אוּן מַאמֶע אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז צוּ הָאבְּן גוּטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אוּן קֶענֶען שֶׁעפְּן אַסַאךְ נַחַת פוּן זֵיי; אָבֶער זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם מוּז מֶען אִינְוֶועסְטִירְן אִין דִי חִינוּךְ, אוּן אַזוֹי אַרוּם וֶועט מֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס הִילְף קֶענֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען שֵׁיינֶע רְוָחִים אוּן הֶערְלִיכֶע פֵּירוֹת, וַוייל אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דֶער חִינוּךְ וָואס דִי קִינְדֶער בַּאקוּמֶען אִין זֵייעֶר יוּגֶענְט, אוֹיב בַּאקוּמֶען זֵיי פוּן קְלֵיינְוַוייז אָן אַ גוּטֶע חִינוּךְ, מֶען רֶעדְט מִיט זֵיי נָאר

פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און מֶען לֵייגְט אִין זֵיי אַרַיין דִי פָּשׁוּטֶ'ע אֱמוּנָה אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, און יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט אִיז נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער, דֶעמָאלְטְס נֶעמֶען זֵיי עֶס זֵייעֶר שְׁטַארְק אָן, און כַאפְּן עֶס גוּט אוֹיף, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רו): וָואס יוּנְגֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז, און עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דוּרְךְ אַ לַאנְגֶע צֵייט פוּן וֶוען עֶר אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, גֶעדֶענְקְט עֶר נָאךְ בֶּעסֶער וָואס זַיין נְשָׁמָה הָאט גֶעהֶערְט אִין הִימְל פַאר עֶס אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען; דֶערִיבֶּער זֶעהט מֶען בְּחוּשׁ אַז מִיט אַ יוּנְגֶעל אָדֶער אַ בָּחוּר קֶען מֶען נָאךְ רֶעדְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶּער וָואס עֶלְטֶער מֶען וֶוערְט אַלְץ מֶער פַארְגְרֶעבְּט וֶוערְט מֶען, און אַלְץ מֶער פַארְגֶעסְט מֶען פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און עֶס אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן מִיט אִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

# אַ גוּטֶע חִינוּךְ

## וָואס דאַרְף מֶען אִינְוֶועסְטִירְן?

דֶערְפַּאר אַ גוּטֶע חִינוּךְ הֵייסְט, אַז עֶלְטֶערְן בְּרֶענְגְּעְן אַרַיין אִין קִינְדֶער אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, אַז עֶס אִיז דָא אַ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס עֶר אִיז מְחַיֶה וּמְהַוֶּה דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה, אוּן אַזוֹי וִוי זֵיי הָאבְּן דָאס מְקַבֵּל גֶעוֶועְן פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן דַארְפְן זֵיי דָאס וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶעבְּן פַּאר זֵייעֶרֶע דוֹרוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים פט, ב): **לְדוֹר וָדוֹר אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי** - דִי אֱמוּנָה דַארְף מֶען אִיבֶּערְגֶעבְּן פוּן אֵיין דוֹר צוּם אַנְדֶערְן. וַוייל אֱמוּנָה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵגָה צוּ וָואס מֶען דַארְף צוּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָדוֹשׁ (פַּרְשַׁת בֹּא, דַף מב ע״ב), אַז דִי גַאנְצֶע תַּכְלִית פוּן דִי בְּרִיאָה אִיז גֶעוֶועְן נָאר כְּדֵי מִיר זָאלְן אַנְעֶרְקֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן יֶעדֶע זַאךְ. אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן סא): יֶעדֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט, דַארְף עֶר פוּן דֶעם אַרוֹיסְנֶעמֶען עֵצוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן קֶענֶען טְרֶעפְן בַּיי יֶעדֶע פְּרַט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

# אַ גוּטֶע חִינוּךְ

## וֶוען זֶעהט מֶען דִי רֵיוַח ?

דֶערְפַאר אַז מֶען אִיז גְלַייךְ מְחַנֵךְ יוּנְגֶע קִינְדֶער מִיט אַ גוּטֶע חִינוּךְ, אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט, גֵייט זֵיי שׁוֹין נָאכְדֶעם דֶער גַאנְצֶער לֶעבְּן גְרִינְגֶער, וַוייל פוּן וֶוען אַ קִינְד וֶוערְט גֶעבּוֹירְן הֵייבְּט עֶר אָן אָרוֹיפצוּגֵיין טְרֶעפּ נָאךְ טְרֶעפּ אוּן שְׁטַאפְּל נָאךְ שְׁטַאפְּל, אַזוֹי וִוי דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת ה, כא): בֶּן חָמֵשׁ לְמִקְרָא, בֶּן עֶשֶׂר לְמִשְׁנָה, - בַּיי פוּנֶעף יָאר לֶערְנְט עֶר פְּסוּקִים חוּמָשׁ, בַּיי צֶען יָאר לֶערְנְט עֶר שׁוֹין מִשְׁנָיוֹת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, בִּיז עֶר וֶוערְט שׁוֹין אַן אַלְטֶער אִיד פוּן נַיינְצִיג יָאר וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ גָארְנִישְׁט, רֶעדְט עֶר שׁוֹין נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן [אוֹיבּ הָאט עֶר זִיךְ צוּ דֶעם צוּגֶעוואוֹינְט אַגַאנְץ לֶעבְּן], וָואס דָאס אִיז 'בֶּן תִּשְׁעִים לָשׂוּחַ', בִּיז נָאכְדֶעם וֶוען עֶר וֶוערְט הוּנְדֶערְט יָאר קוּמְט עֶר שׁוֹין צוּ אַזַא מַדְרֵיגָה, אַז עֶר זֶעהט שׁוֹין נִישְׁט קַיין וֶועלְט, אוּן אַלֶעס אִיז שׁוֹין בַּיי אִים עָבַר וּבָטֵל, עֶר זֶעהט שׁוֹין נָאר

דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן [1]; דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָדוֹשׁ (מִשְׁפָּטִים דַף צד ע״ב), אַז פוּן וֶוען אַ קִינְד וֶוערְט גֶעבּוֹירְן דַארְף עֶר זִיךְ אַלְץ מֶער אוֹיסְאַרְבֶּעטְן, אוּן וָואס מֶער עֶר אַרְבֶּעט זִיךְ אוֹיס אַלְץ אַ גְרֶעסֶערֶע נְשָׁמָה בַּאקוּמְט עֶר, קוֹדֶם הָאט עֶר נָאר אַ 'נֶפֶשׁ', אִיז עֶר מֶער זוֹכֶה גֶעט מֶען אִים צוּ דִי 'רוּחַ', אִיז עֶר נָאכְמֶער זוֹכֶה גֶעט מֶען אִים שׁוֹין אוֹיךְ צוּ אַ 'נְשָׁמָה', אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל!**

וֶועגְן דֶעם אַז מֶען אִיז שׁוֹין מְחַנֵךְ אַ יוּנְג קִינְד מִיט אַ גוּטֶע חִינוּךְ אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן יֶעדֶע זַאךְ קֶען מֶען צוּ אִים רֶעדְן אוּן פַארְצֵיילְן, שְׁטֵייגְט עֶר צוּבִּיסְלֶעךְ מֶער אוּן מֶער, בִּיז עֶר וֶוערְט אִינְגַאנְצְן

[1] דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט דַוְקָא לוֹיט דִי יָארְן וָואס דִי מִשְׁנָה רֶעכְנְט אוֹיס, נָאר לוֹיט דִי מַדְרֵגוֹת צוּ וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז נָאךְ יוּנְגֶער.

צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר הָאט אַ גוּט לֶעבְּן, וַוייל עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיפְגֶעוַואקְסְן פוּן אַלְץ קִינְד אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן עֶר טְרֶעפְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף טוּהן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶר דַארְף זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט זַיין גוּף, אוּן טוּהן גַּשְׁמִיּוּת'דִיגֶע זַאכְן צוּם בַּיישְׁפִּיל עֶסְן שְׁלָאפְן וְכוּ', וֵוייסְט עֶר שׁוֹין אוֹיךְ ווִי אַזוֹי אַ אִיד דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִירְן, אוּן טְרֶעפְן דָארְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## ב.

### יָא! דוּ בִּיסְט דֶער גְרֶעסְטֶער חִידוּשׁ

אוּן דָאס אִיז דֶער תַּכְלִית פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, וָואס אִיז צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן אַ גוּף מִיט אַ נְשָׁמָה, פוּן אֵיין זַייט הָאט עֶר אַ נְשָׁמָה וָואס אִיז אַ חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַּעַל, כִּבְיָכוֹל אַ

חֵלֶק פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין [2], אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט וֶוערְט יֶעדֶע נְשָׁמָה אוֹיךְ אָנְגֶעטוּהן מִיט אַ גוּף, וָואס דָאס פַּארְדֶעקְט דִי נְשָׁמָה אוּן צִיהט צוּ אַלֶע תַּאֲווֹת, אוּן דָאס אִיז דֶער עִיקָר מַעְלָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַז עֶר הָאט אַ נְשָׁמָה מִיט אַ גוּף, וַוייל אַז עֶר וָואלְט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גוּף וָואס פַּארְשְׁטֶעלְט אִים דֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואלְט עֶר דָאךְ גֶעוֶוען אַ מַלְאָךְ, אוּן מַלְאָכִים הָאט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָן אַ צָאל, אָבֶּער אַ מַלְאָךְ וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַ עוֹמֵד - עֶר שְׁטֵייט אוֹיף אֵיין פְּלַאץ, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין יֵצֶר הָרַע, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין בְּחִירָה אוּן קַיין נִסָיוֹן, עֶר פִירְט נָאר אוֹיס זַיין שְׁלִיחוּת פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דָאס אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם חִידוּשׁ, דֶער

---

[2] וָואס וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען זַייעֶר חָשׁוּב הַאלְטְן יֶעדְן אִיד אוּן שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף זַיין נְקוּדָה טוֹבָה, וָואס דָאס אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אוּן חַיוּת אֱלֹקוּת וָואס דָא אִין אִים, דֶערִיבֶּער אַז מֶען אִיז מְכַבֵּד אַ אִיד אִיז מֶען מְכַבֵּד כִּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן חָלִילָה אַז מֶען אִיז מְבַזֶה אַ צְוֵוייטְן אִיד אִיז מֶען דֶעמָאלְטְס מְבַזֶה כִּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (עַיֵּן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רפב; וּבְלִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הַשְׁכָּמַת הַבֹּקֶר, הֲלָכָה א).

חִידוּשׁ אִיז אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ שְׁוֶוערְן גוּף וָואס שְׁלֶעפְּט אִים אַרַיין אִין אַלֶע תַּאֲווֹת, אוּן דָאךְ דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ מִיט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער חִידוּשׁ וָואס אֲפִילוּ מַלְאָכִים קֶענֶען נִישְׁט בַּאוַוייזְן!

### וָואס אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע תַּאֲוָה?

ווייל דִי טֶבַע פוּנֶעם גוּף אַז עֶס צִיהט אַרָאפּ צוּ תַּאֲוַת נִאוּף אוּן צוּ טוּהן שְׁמוּץ, וָואס דָאס הַרְגֶ'עט דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן צוּ תַּאֲוַת אֲכִילָה וָואס פַארְגְרֶעבְּט דֶעם מֶענְטְשׁ, וֶוער רֶעדְט נָאךְ צוּ תַּאֲוַת מָמוֹן וָואס דָאס אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע תַּאֲוָה, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אִין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת (מַעֲשֶׂה יב מִבַּעַל תְּפִלָּה), אַז מֶען הָאט גֶעהֶערְט פוּנֶעם מֶלֶךְ אַז פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ מֶענְטְשׁ, אוֹיסֶער פוּן דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען. פְּרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, קִדּוּשִׁין הֲלָכָה ג): מִיר זֶעהן דָאךְ אַז אִין אַלֶע סְפָרִים רֶעדְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּעִיקָר פוּן תַּאֲוַת נִאוּף, אַז דֶער

עיקר יֵצֶר הָרַע איז נָאר אִין תַּאֲוַת נִאוּף וַעֲרָיוֹת, וָואס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ מִתְגַּבֵּר צוּ זַיין אוֹיף דֶעם, וְוי אַזוֹי זָאגְט דָא דֶער רֶבִּי אַז גֶעלְט אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע תַּאֲוָה?! אִיז עֶר מַסְבִּיר, אז אֶמֶת טַאקֶע אַז תַּאֲוַת נִאוּף אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע תַּאֲוָה, דָאךְ אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט דֶעם, בַּאדֶערְט עֶס אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן עֶר אִיז בַּיי זִיךְ זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, וַוייל דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט זִינְדִיגְן וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן לִילִי״ת, וָואס דָאס מֵיינְט יְלָלָה - קְלָאגְן, עֶס בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ בִּיטֶערְנִישׁ אוּן צוּבְּרָאכְנְקַייט אִינֶעם מֶענְטְשׁ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן קסט); מְמֵילָא זוּכְט עֶר דֶעם וֶועג אַרוֹיס, אוּן דוּרְכְן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳נְס עֵצוֹת וֶועט עֶר מִיטְן אֵייבֶּערשְׁטְענְס הִילְף אַרוֹיסְגֵיין דֶערְפוּן, אָבֶּער וֶוען אֵיינֶער פַאלְט אַרַיין אִין דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט קֶען מֶען שׁוֹין צוּ אִים מֶער נִישְׁט רֶעדְן פוּנֶעם תַּכְלִית, אַלֶעס אִיז נָאר גֶעלְט אוּן גֶעלְט אוּן נָאכְאַמָאל גֶעלְט, אוּן דָאס אִיז זַיין גַאנְצֶע אֱמוּנָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

## ג.

### גֶעבּ פַארְן גוּף אוֹיךְ צוּ שְׁפִּירְן עֶפֶּעס

וֶועגְן דֶעם אִיז דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט אַז עֶר זָאל אִיבֶּערְאַרְבֶּעטְן זַיין גוּף אַז דָאס זָאל שׁוֹין אוֹיךְ שְׁפִּירְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער פוּנְקְט וִוי דִי נְשָׁמָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כב), דֶעם פָּסוּק (יְשַׁעְיָה נח, ז): וּמִבְּשָׂרְךָ לֹא תִתְעַלָּם – זָאלְסְט נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן דַיין קֶערְפֶּער דִי גֶעטְלִיכְקֵייט וָואס דַיין נְשָׁמָה אִיז מַשִׂיג; אוּן וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט אוֹיךְ (אִיּוֹב יט, כו): וּמִבְּשָׂרִי אֶחֱזֶה אֱלֹקַי – פוּן מַיין פְלֵיישִׁיגְן קֶערְפֶּער זֶעה אִיךְ אַרוֹיס דֶעם בַּאשֶׁעפֶער. וַוייל אַז אִיךְ גֵיי, אִיךְ זֶעה, אִיךְ רֶעד, אִיךְ אָטֶעם, דָאס אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער! וֶוער גֵייט דֶען אִין מִיר? וֶוער רִירְט זִיךְ אִין מִיר? אַלֶעס אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער! קוּמְט אוֹיס אַז אִיךְ שְׁפִּיר שׁוֹין דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אֲפִילוּ פוּן דִי גוּף אוֹיךְ. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לג): וָואס מֶער אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַייגְט הֶעכֶער אַלְץ נֶענְטֶער וֶוערְט עֶר צוּם

בַּאשֶׁעפֶער, דָאס הֵייסְט עֶר נֶעמְט אַרָאפּ אַלֶע זַאכְן וָואס פַּארְשְׁטֶעלְן פוּן אִים דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר פַּארְשְׁטֵייט אַלְץ מֶער אוּן מֶער אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא אֲפִילוּ אִין דִי גַּשְׁמִיּוּת, אוּן עֶר קֶען זִיךְ מֶער לִיבּ הָאבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע לִיבְּשַׁאפְט. אָבֶער צוּ דֶעם דַארְף מֶען זַיין אוֹיסְגֶעלוֹיטֶערְט אוּן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, אוּן דִי אַרְבֶּעט הֵייבְּט זִיךְ אָן פוּן אַלְץ קְלֵיין קִינְד.

### דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז מֶער נִישְׁט פַּארְשְׁטֶעלְט

דֶערִיבֶּער אוֹיבּ מֶען אִיז גְלַייך מְחַנֵּךְ קְלֵיינֶע קִינְדֶער מִיט אַ גוּטֶע חִינוּךְ, אוּן מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי פְּסוּקִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וִוי לְמָשָׁל (דְּבָרִים לג, ד): תּוֹרָה צִוָּה לָנוּ מֹשֶׁה וְגוֹ׳. אוּן אַנְדֶערֶע פְּסוּקִים פוּן אֱמוּנָה, אוּן מֶען לֶערְנְט זֵיי אוֹיס צוּ זָאגְן בְּרָכוֹת, אוּן דֶער עִיקָר אַז מֶען לֶערְנְט זֵיי אוֹיס צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וָואס דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵגָה, פַאר אַזַא אִינְגְל אָדֶער מֵיידְל גֵייט שׂוֹין נָאכְדֶעם אַסַאךְ גְרִינְגֶער וֶוען זֵיי וֶוערְן גְרֶעסֶער, וַוייל דִי גוּף פַּארְשְׁטֶעלְט שׂוֹין נִישְׁט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, שְׁטֶענְדִיג

טְרֶעפְט עֶר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, און אֲפִילוּ אַז עֶר עֶסְט אָדֶער עֶר טְרִינְקְט בְּרֶענְגְט דָאס אִים נָאר נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סב), אַז דַוְקָא בַּיים עֶסְן קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ מוֹרָא'דִיג צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און עֶס וֶוערְט דֶעמָאלְטְס אַ יִחוּד צְוִוישְׁן קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ, וַוייל אִין יֶעדֶע עֶסְן און טְרִינְקֶען אִיז דָא דֶער בַּאשֶׁעפֶער און אַ חַיוּת אֱלֹקוּת; אַזוֹי וִוי דֶער בַּעַל-שֵׁם-הַקָדוֹשׁ הָאט גֶעזָאגְט, אַז אַמָאל וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ פְּלוּצְלִינְג הוּנְגֶערִיג און דָארְשְׁטֶערִיג, וַוייל עֶר דַארְף פַארֶעכְטְן עֶפֶּעס אַ נֶפֶשׁ וָואס אִיז דָארְט אִין דִי עֶסְן אָדֶער טְרוּנְקֶן, און טְרֶעפְן דָארְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, וֶועגְן דֶעם צִיהט אִים פְּלוּצְלִינְג אַזוֹי שְׁטַארְק דִי עֶסְן, און וֶוען עֶר עֶסְט, וֶוערְט דִי עֶסְן אַ חֵלֶק פוּן אִים און עֶס בַּאקוּמְט דֶעם תִּקוּן. נָאר וִויבַּאלְד אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט דָאס נִישְׁט און עֶר וֵוייסְט דָאס נִישְׁט, וֶוערְט עֶר פַארְגֶרֶעבְּט בְּשְׁעַתְ'ן עֶסְן.

### אַ עֵצָה אויף חִינוּךְ, פוּנֶעם סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ[3], אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אַ עֵצָה אויף חִינוּךְ, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: זֶעה אַז דַיין ווייבּ זָאל זָאגְן בְּרָכוֹת אוּן בֶּענְטְשְׁן הוֹיעך אויפְן קוֹל, דָאס וֶועט זַיין דֶער בֶּעסְטֶער חִינוּךְ! ווייל קִינְדֶער מַאכְן נָאךְ דִי מַאמֶע. אוּן אַז מֶען מַאכְט דִי בְּרָכוֹת פַארְן עֶסְן אוּן נָאכְן עֶסְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וֶוערְט דִי גַאנְצֶע עֶסְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ גֶעטְלִיכְקֵייט.

### אַ לֶעבְּן אִין גַן עֵדֶן

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן פג): אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֶעהן אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן זַיין גוּף אַז דָאס זָאל אוֹיךְ וֶוערְן אַ הֵיילִיגֶער גוּף פוּן גַן עֵדֶן; ווייל דִי רֶגַע אַז

---

[3] ווִי בַּאוואוּסְט הָאט דֶער סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן רֶבִּי יַעֲקֹב יִשְׂרָאֵל קַנְיֶיבְסְקִי זצוק"ל גֶעלֶערְנְט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע הַתְמָדָה, בִּפְרַט מִשְׁנָיוֹת הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט אוֹיסְטֶערְלִישׁ אַסַאךְ, אוּן מִשְׁנֶה אִיז מְשַׁנֶה דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס לַייטֶערְט אִים אוֹיס, אוּן וֶוער עֶס לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ מַלְאָךְ מְטַ"ט (זֹהַר בְּרֵאשִׁית דַף כז).

מען שפירט דעם אייבערשטן פון יעדע זאך אויף די וועלט, און מען פרובירט מקיים צו זיין אלע מצות וואס א איד דארף טוהן [און מצות וואס עס איז נישט שייך מקיים צו זיין קען מען כאטש לערנען], און מען גיט אכטונג נישט עובר צו זיין אויף וואס מען טאר נישט טוהן, דעמאלטס לעבט מען אין גן עדן, און מען האט א גוט לעבן (עיין זהר, בראשית דף כז ע"א).

## ד.

### דערשרעק זיך נישט - דער באשעפער איז מיט דיר

דאס זאגט דער פסוק (דברים כ, א): **כי תצא למלחמה על איביך, וראית סוס ורכב עם רב ממך, לא תירא מהם! כי ה' אלקיך עמך, המעלך מארץ מצרים.** ווי נאר א קינד קומט ארויס אויף דער וועלט האט ער שוין א מלחמה אקעגן זיין פיינט - דער יצר הרע, וואס זוכט אים נאר צו צוברעכן און אפצורייסן פון באשעפער (עיין אור החיים הקדוש ורמב"ן הקדוש), און צומאל זעהט דער מענטש אז עס איז א שווערע מלחמה, ווייל עס קעמפט קעגן אים דער

סַמֶ"ךְ מֶ"ם וָואס עֶר אִיז אַ מַלְאָךְ, מִיט אַלֶע זַיינֶע קְלִפּוֹת (פְּרִי עֵץ חַיִּים שַׁעַר הַזְּמִירוֹת, פֶּרֶק ו), און אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט זַייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן זֶעהֶענְדִיג אַזַאלֶעכֶע שְׁטַארְקֶע כֹּחוֹת אַקֶעגְן אִים, זָאגְט גְלַייךְ דֶער פָּסוּק: "לֹא תִּירָא מֵהֶם", דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן זֵיי, וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז מִיט דִיר, און מֶען קֶען יֶעדֶע זַאךְ רֶעדְן צוּ אִים, און וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, און יֶעדֶע זַאך קֶען מֶען זִיך אוֹיסְשְׁמוּעסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְשְׁרֶעקְט עֶר זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם.

### דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם

וַוייל דֶער גַאנְצֶער כֹּחַ פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם אִיז נָאר צוּ פַארְדֶעקְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אַזוֹי פַארְבְּלֶענְדט עֶר דִי אוֹיגְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַז מֶען זָאל זִיךְ שטענדיג קְרִיגְן מִיט אַ צְוֵוייטְן, וָואס דָאס אִיז מְרֻמָּז אִין זַיין נָאמֶען: סַמֶ"ךְ מֶ"ם; ס' - אִיז זֶעכְצִיג, מ' - אִיז פֶערְצִיג; וַוייל עֶר מַאכְט אַז מֶען זָאל זִיךְ גְרוֹיס הַאלְטְן, און טְרַאכְטְן אַז אִיךְ בִּין מֶער פוּן אַ צְוֵוייטְן, יֶענֶער אִיז

נָאר פֶערְצִיג אוּן אִיךְ בִּין זֶעכְצִיג! וָואס דֶעמָאלְטְס פַארטְרַייבְּט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן זִיךְ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (סוֹטָה ה, ע״א): אִיךְ מִיט אִים קֶענֶען נִישְׁט זַיין צוּזַאמֶען! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען נִישְׁט זַיין מִיט אַ בַּעַל גַאֲוָה אִינְאֵיינֶעם, אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט, דֶעמָאלְטְס רוּהט דֶער בַּאשֶׁעפֶער מִיט אִים, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ו): אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֶעהְן צוּ פַארְמִינֶערְן זַיין אֵייגֶענֶע כָּבוֹד, אוּן פַארְמֶערְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס כָּבוֹד. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ פַארְקֶערְט אוֹיךְ, וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אוּן וָואס אִיךְ דַארְף בֶּעהְט אִיךְ נָאר פוּן אִים, אַלְץ מֶער פַארְגֶעסְט עֶר שׁוֹין מְמֵילָא פוּן זִיךְ אוּן פוּן זַיין כָּבוֹד.

**עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אִיךְ... נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער!**

דָאס פִירְט דֶער פָּסוּק אוֹיס ״כִּי ה׳ עִמָּךְ, הַמַּעַלְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם״, פוּנְקְט אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם, אוּן פוּן אַלֶע עֶנְגְשַׁאפְט אוּן

קליין קעפיגקייט צו טראכטן שטענדיג נאר פונעם איך...
און משה רבינו האט אין אונז אריינגעשיינט דעם שכל אז
מען זאל וויסן אז עס איז נאר דא איין באשעפער, און עס
איז גארנישט פארהאן אויסער אים (דברים ד, לה), די זעלבע
זאך קען יעדער מענטש אויך יעצט ארויסגיין פון אלע
זיינע צרות און קומען צו א קלארע אמונה.

## ה.

### דאס גאנצע אידישקייט קומט שוין אן אסאך גרינגער

דאס הייסט א גוטע חינוך, אז מען איז מחנך א קינד
שוין פון יונגערהייט אז ער זאל רעדן צום באשעפער,
מאכן ברכות, מען לערנט אים אויס עברי, צו דאווענען,
נאכדעם לערנט מען מיט אים חומש, משניות, גמרא,
הלכות, און מען גיט אכטונג אז ער זאל זיך נישט מטמא
זיין, דעמאלטס ווען ער ווערט א גדול און ער האט בר
מצוה, גייט ער שוין מער אריין אין די קדושה, און זיין
גאנצע אידישקייט קומט אים שוין אן אסאך גרינגער.

### פַארְוָואס בִּין אִיךְ פְּלוּצְלִינְג טְרוֹיעֶרִיג אוּן צוּבְרָאכְן?

סְפֶּעצִיעֶל אוֹיבּ מֶען זָארְגְט זִיךְ אַז עֶר זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן יוּנְגֶערְהֵייט, וָואס אִין דֶעם וֶוענְדְט זִיךְ דֶער עִיקָר קְדוּשָׁה פוּן אַ אִיד, וַוייל וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט אִיז פָּגוּם בַּבְּרִית (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, יוֹם הַכִּפּוּרִים, הֲלָכָה א), וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אִין דִי טֶבַע פוּן אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר דַארְף חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן אֵיינְמָאל אַז עֶר הָאט חֲתוּנָה, אוּן עֶר הָאט פַּת בְּסַלּוֹ, קוּמְט עֶר נִישְׁט צוּ דֶעם בִּיטֶערְן חֵטְא פוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, וָואס דִי עֲבֵירָה פַארְטֶעמְפְּט דִי שֵׂכֶל, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קמא): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט מִיטְן בְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, בַּאשַׁאפְט עֶר קְלִיפַּת מִיט מַשְׁחִיתִים וָואס זֵיי בַּאגְלֵייטְן אִים נָאכְדֶעם וָואס עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר הָאט דֶערְפוּן מוֹרָא'דִיגֶע בּוּשׁוֹת; אוּן דִי אַלֶע קְלִפּוֹת פַארְדֶעקְן אִים דֶעם בַּאשֶׁעפֶער. אוּן חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת דַף ו ע"א): וֶוען מֶען זָאל פוּן הִימְל לָאזְן זֶעהן דִי קְלִפּוֹת וָואלְט מֶען עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרִיבֶּערְטְרָאגְן; אוֹיף דִי רֶעכְטֶע זַייט טוֹיזֶענְטֶער קְלִפּוֹת, אוּן אוֹיף דִי

לינְקֶע זַייט צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְטֶער. וָואס דָאס וַוארְפְט אַרוֹיף אוֹיפְן מֶענְטְש אַ מָרָה שְׁחוֹרָה, כָאטְשִׁיג עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אַ גוּטֶע גוּסְטֶע וֶוערְט עֶר פְּלוּצְלִינְג - אָן קַיין שׁוּם סִיבָּה - טְרוֹיעֶרִיג, און עֶר פַאלְט אַרַיין אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע מוּט, וָואס דָאס אַלֶעס קוּמְט נָאר פוּן דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה.

### חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער יוּנְג - דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ

וֶועגְן דֶעם ווִי נָאר דִי קִינְדֶער וֶוערְן שׁוֹין גְרוֹיס, אִיז דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ צוּ זֶעהְן זֵיי חֲתוּנָה מַאכְן וָואס יוּנְגֶער, און אוֹיף דֶעם פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זֵייעֶר שְׁטַארְק, און פוּן אַלֶעם וֶועט עֶר לָאזְן רֶעדְן אָבֶער נִישְׁט פוּן חֲתוּנָה מַאכְן יוּנְגֶערְהֵייט, אָבֶער אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה יוּנְגֶערְהֵייט זִינְדִיגְט מֶען נִישְׁט מִיט דֶעם חֵטְא, און אַזוֹי אַרוּם הָאט מֶען אַ רֵיינֶעם מֹחַ, און מֶען לֶעבְּט שׁוֹין אַ גַאנְץ לֶעבְּן מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער.

## די חֲשִׁיבוּת פוּן אַן עֶרְלִיכֶער בִּיזְנֶעס-מַאן

און אֲפִילוּ נָאכְדֶעם אוֹיבּ דַארְף מֶען גֵיין אַרְבֶּעטְן, ווֵייסְט מֶען שׁוֹין אוֹיךְ וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין, און טוּהן אַלֶעס אוֹיסְגֶעהַאלְטְן לוֹיט דִי תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רפ): עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט דִי דִינִים וָואס אִיז שַׁיָיךְ פַּאר וֶוער עֶס אַרְבֶּעט אָדֶער מַאכְט בִּיזְנֶעס, וִוי לְמָשָׁל אַז מְ'טָאר נִישְׁט אוֹיסְפָּאפְּן און בַּא'גַנְבֶ'נֶען אַ צְוֵוייטְן מִיטְן וָואג אָדֶער מִיט דִי פְּרֵייז, אָבֶּער עֶס קוּמְט אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיס דָאס צוּ מְקַיֵים זַיין, וַוייל עֶר אַרְבֶּעט נִישְׁט און טוּט נִישְׁט קַיין בִּיזְנֶעס, ווִידֶער אִיז דָא אֵיינֶער וָואס עֶס קוּמְט אִים שְׁטֶענְדִיג אוֹיס דָאס צוּ מְקַיֵים זַיין, און בֵּיידֶע סַיי דֶער וָואס לֶערְנְט דָאס און סַיי דֶער וָואס אִיז דָאס מְקַיֵים טוּעֶן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, און עֶס אִיז דִי זֶעלְבֶּע חָשׁוּב, וַוייל דִי גַאנְצֶע תַּכְלִית פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז כְּדֵי מֶען זָאל דָאס קֶענֶען מְקַיֵים זַיין.

## ו.

אַז אֵיינֶער הָאט נִישְׁט בַּאקוּמֶען אַזַא גוּטֶע חִינוּךְ הָאט עֶר נָאךְ אוֹיךְ אַן עֵצָה.

דָאס אִיז אַלְץ גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אַז מֶען הָאט אַ גוּטֶע חִינוּךְ פוּן קְלֵיינְוַוייז אָן, אָבֶער וִויבַּאלְד מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט אַ גוּטֶע חִינוּךְ, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט קַיין גוּטֶע שְׁמִירָה, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מִיר הָאבְּן גֶעהַאט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, אוּן מִיר הָאבְּן אַלְץ בָּחוּר גֶעטוּהן אַסַאךְ נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן מִיר זֶענֶען לֵיידֶער דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת, וָואס צוּלִיבּ דֶעם שְׁפִּירְן מִיר אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז אִינְגַאנְצְן בַּאהַאלְטְן פוּן אוּנְז, אוּן מִיר דַארְף שׁוֹין הָאבְּן אַ שְׁוֶוערֶע מִלְחָמָה בֵּייצוּקוּמֶען דֶעם יֵצֶר הָרַע אוּן צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי יֶעדֶע פְּרַט, מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַ שְׁוֶוערְן יֵצֶר הָרַע פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת, בִּפְרַט תַּאֲוַת נִאוּף, דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר כָאטְשׁ יֶעצְט גֵיין צוּ אַ צַדִיק, וָואס עֶר זָאל אוּנְז אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין פוּן יֶעצְט, אוּן קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט אַ נָארְמַאלֶע גוּטֶע לֶעבְּן, אוּן פּוּנְקְט

אַזוֹי וִוי אַ אִינגֶל קֶען נִישְׁט אַלֵיין לֶערְנֶען, עֶר דַארְף הָאבְּן אַ מְלַמֵּד וָואס זָאל אִים אַלֶעס אוֹיסְלֶערְנֶען, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דַארְפְן מִיר יֶעצְט אוֹיךְ הָאבְּן אַ גְרוֹיסְן מְלַמֵּד וָואס עֶר זָאל אוּנְז אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי דָאס לֶעבְּן גֵייט, אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען לֶעבְּן אַ גוּט לֶעבְּן, אַ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער מְלַמֵּד אִיז דֶער אֱמֶתְ׳ער צַדִיק, וָואס עֶר אִיז אוּנְז מְחַזֵק, עֶר בְּרֶענְגְט אִין אוּנְז אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן טְרָאץ דִי אַלֶע תַּאֲווֹת וָואס זֶענֶען דָא (עַיֵן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ל).

### עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין תַּאֲווֹת

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן נא): בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁט פַּארְהַאן קַיין שׁוּם תַּאֲוָה, תַּאֲוַת אֲכִילָה אִיז נִישְׁטָא, וַוייל עֶסְן אוּן טְרִינְקְן מוּז מֶען דָאךְ, מֶען דַארְף נָאר וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן בַּיים עֶסְן, צוּ עֶסְן כָּשֵׁר׳ס, אוּן מַאכְן עֶרְלִיךְ דִי בְּרָכוֹת פַארְדֶעם אוּן נָאכְדֶעם, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, תַּאֲוַת נִאוּף אִיז אוֹיךְ נִישְׁטָא, וַוייל אַ

מענטש דארף חתונה האבן און האבן קינדער, בפרט אז אזוי ארום ווערט ער אפגעהיטן פון אלע עבירות, ווייל אז מען האט א ווייב אינטערסירט שוין נישט די אלע שמוץ פון אינדרויסן, ממילא איז בכלל נישט שייך קיין תאוות, מען דארף נאר האבן שכל ווי אזוי זיך אומצוגיין.

מען מוז האבן א צדיק - וואס מיינט א צדיק?

אבער צו דעם דארף מען האבן א צדיק, וואס ער איז שוין נענטער צום באשעפער, ער האט שוין אסאך געהארעוועט, און זייער אסאך געשריגן צום אייבערשטן, אזוי ווי דער הייליגער רבי אלימלך זכותו יגן עלינו טייטשט (נועם אלימלך פרשת וישלח), אויף דעם וואס חז"ל זאגן (יומא דף כ' ע"ב) "וכבר אמר הכהן אנא השם, ונשמע קולו", אז צו ווערן א כהן, האט מען געמוזט פארדעם האבן אסאך געשריגן צום אייבערשטן: אנא ה' - באשעפער העלף מיך...! ווייל אויף יעדן צדיק איז אויך פון אנפאנג דורכגעגאנגען שווערע ביטערע נסיונות אין די תאוה, נאר ער האט זיך געקענט בעסער דערהאלטן.

### די אֱמֶת׳ע צַדִיקִים הָאבְּן אוֹיךְ גֶעהַאט שְׁוֶועֶרע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת!

ווִי בַּאקַאנְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן וֶוען דִי בְּלוּט קָאכְט נָאךְ גֶעפֶּערְלִיךְ, גֶעהַאט זֵייעֶר גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת אִין דִי תַּאֲוָה, אוּן עֶר הָאט דֶעמָאלְטְס אַסַאךְ גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִים רַאטֶעוֶוען, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְּן אז עֶר אִיז דָאס אִיבֶּערְגֶעקוּמֶען, אָבֶער גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז אִיבֶּערְגֶעקוּמֶען דִי נִסָיוֹן, הָאט עֶר שׁוֹין גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִים נָאכְאַמָאל צוּשִׁיקְן אַזַא נִסָיוֹן, וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְרֵיינִיגְן פוּן דִי מִיאוּסֶ׳ע תַּאֲוָה, כָּאטְשִׁיג בִּשְׁעַת דִי נִסָיוֹן אִיז אִים גֶעוֶוען בִּיטֶער שְׁוֶוער (שִׁבְחֵי הָרַ״ן סִימָן טז).

### סֵפֶר הַנִסְיוֹנוֹת

עֶס אִיז גֶעוֶוען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אַ ׳סֵפֶר הַנִסְיוֹנוֹת׳, וָואס דָארְט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען מַעֲשִׂיוֹת ווִי אַזוֹי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן

עֶר אִיז עֶס בֵּייגֶעקוּמֶען [4], אִין סֵפֶר בֵּית רֶבִּי שְׁטֵייט אוֹיךְ, אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַז עֶר הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערְן וֶועג פוּן נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ נִסְיוֹנוֹת, אוּן עֶס בֵּייקוּמֶען, אָבֶער עֶר הָאט עֶס גֶעקֶענְט בַּאַווייזְן.

## אָדֶער אַ נִסָּיוֹן – אָדֶער אָ בִּזָּיוֹן

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן שג-שד), מִיר בֶּעטְן יֶעדְן צוּפְרִי "וְאַל תְּבִיאֵנִי לִידֵי נִסָּיוֹן וְלֹא לִידֵי בִזָּיוֹן"; הָאט דֶער רֶבִּי אַזוֹי גֶעזָאגְט: אָדֶער אַ נִסָּיוֹן אָדֶער אַ בִּזָּיוֹן! ווַייל אוֹיב וֶועט עֶר נִישְׁט בַּיישְׁטֵיין דֶעם

---

[4] הרה"ח רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט נָאךְ גֶעזֶעהן דֶעם סֵפֶר אִין אוּמַאן, אִין דִי יָארְן פוּן תר"ע, שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶס נֶעְלָם גֶעוָוארְן. אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א, סִימָן רנז) שְׁטֵייט בְּרֶמֶז אַ מַעֲשֶׂה, נָאכְדֶעם שְׁטֵייט וְיִתְבָּאֵר בְּמָקוֹם אַחֵר, אִין כְּתַב יַד שְׁטֵייט דָארְט אַ מַעֲשֶׂה ווִי אַזוֹי אַ פְּרוֹי אִיז נָאכְגֶעלָאפְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן עֶר זָאל מִיט אִיהר טוּהן אַן עֲבֵירָה, אוּן ווִי אַזוֹי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז פָּטוּר גֶעוָוארְן פוּן אִיהר (עַיֵּן שְׂפַת הַנַּחַל עַל תּוֹרָה זוֹ [וְלֹא נִדְפַּס עֲדַיִן]).

נִסָיוֹן פוּן נִאוּף וֶועט עֶר נָאכְדֶעם הָאבְּן בִּיטֶערֶע בִּזְיוֹנוֹת וֶוען מֶען וֶועט אִים כַאפְּן בַּיי דִי מַעֲשֶׂה... מְמֵילָא אִיז אַ שָׁאד צוּ פַּיינִיגְן דֶעם מֹחַ אוּמְזִינְסְט מִיט אַלֶע נַארִישֶׁע גֶעדַאנְקֶן פוּן נִאוּף. קוּמְט אוֹיס אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת.

ז.

קְרִיאַת שְׁמַע רַאטֶעוֶועט פוּן עֲבֵירוֹת

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק וַוייטֶער (דְבָרִים כ, ב): ״וְהָיָה כְּקָרָבְכֶם אֶל הַמִּלְחָמָה״, וִויבַּאלְד מֶען הָאט זִיךְ שׁוֹין פַארְפַּאטְשְׁקֶעט מִיט עֲבֵירוֹת, אוּן מֶען הָאט אַ שְׁוֶוערֶע מִלְחָמָה מִיטְן יֵצֶר הָרַע, אִיז דִי עֵצָה ״וְנִגַּשׁ הַכֹּהֵן, וְדִבֶּר אֶל הָעָם״; אַז דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן כֹּהֵן, זָאל קוּמֶען אוּן רֶעדְן צוּם פָאלְק, וָואס דָאס זֶענֶען דִי פָּשׁוּטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר זָאל זֵיי זָאגְן ״שְׁמַע יִשְׂרָאֵל״, אַז זֵיי זָאלְן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע! וַוייל בְּלוֹיז אִין דִי זְכוּת פוּן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע

יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי און בַּיינַאכְט, אִיז וֶועט זֵיי זָאלְן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן בֵּייצוּשְׁטֵיין אַלֶע נִסְיוֹנוֹת (עַיֵין בְּרַשִׁ״י שָׁם), וַוייל מִיט דֶעם אִיז מֶען מְגַלֶה אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט, וָואס דָאס רַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן לו): וֶוען עֶס שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ תַּאֲוַת נִאוּף אִיז דִי עֵצָה אַז עֶר זָאל זָאגְן שְׁמַע יִשְׂרָאֵל אוּן בָּרוּךְ שֵׁם; אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן מַסְבִּיר (הִלְכוֹת קְרִיאַת שְׁמַע, הֲלָכָה ד), וִויבַּאלְד וֶוען עֶר זָאגְט שְׁמַע יִשְׂרָאֵל אוּן בָּרוּךְ שֵׁם בַּאקְט עֶר אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וֶועגְן דֶעם אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע סְגוּלָה פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן אַלֶע שְׁמוּצִיגֶע גֶעדַאנְקְן, וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה וֶועט עֶר הָאבְּן תִּקּוּן הַבְּרִית, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן לא): אֱמוּנָה אוּן בְּרִית אִיז גֶעוָואנְדְן אֵיינְס אִינֶעם אַנְדֶערְן.

וִוי אַזוֹי קִילְט מֶען אָפּ דִי גֵיהִנֹם וָואס מֶען הָאט אוֹיף דֶער וֶועלְט?

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת דַף טו ע"ב): וֶוער עֶס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע אוּן זָאגְט אַרוֹיס קְלָאר יֶעדֶע וָוארְט קִילְט מֶען אִים אָפּ דִי גֵיהִינוֹם. מֵיינְט אִיר אַוַודַאי אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אַז וֶוען עֶר וֶועט אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט מֶען אִים אָפְּקִילְן דֶעם גֵיהִינוֹם?! זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּפִירוּשׁ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כב), אַז דֶער גֵיהִינוֹם אוּן גַן-עֵדֶן אִיז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט! נָאכְמֶער זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן קיט) אַז עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וִוי עוֹלָם הַזֶה, וַוייל לוֹיט דִי יִסוּרִים וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן מִיט אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז דָא דֶער גֵיהִינוֹם. קוּמְט אוֹיס אַז אוֹיבּ שְׁפִּירְט מֶען אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אוּן מֶען אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אִיז דִי וֶועלְט אַ גַן-עֵדֶן, אוֹיבּ נִישְׁט אִיז דֶער וֶועלְט אַ גֵיהִינוֹם, אוּן וואוּ עֶר גֵייט לוֹיפְט אִים נָאךְ דִי גֵיהִינוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן. וַוייל יֶעדֶע מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט גֵייט דוּרְךְ פַארְשִׁידֶענֶע צָרוֹת, דֶער מִיט שָׁלוֹם בַּיִת, דֶער הָאט נִישְׁט קַיין נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, דֶער פְּלָאגְט זִיךְ מִיט פַּרְנָסָה,

סְפֶּעצִיעֶל פְּלָאגְט זִיךְ יֶעדֶער מִיטְן שְׂוֶוערְן יֵצֶר הָרַע וָואס קָאכְט אוּן בְּרֶענְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ, אָבֶּער אוֹיבּ גֶעט מֶען אַכְטוּנְג צוּ זָאגְן קְרִיאַת שְׁמַע וָוארְט בַּיי וָוארְט, בְּרֶענְגְט מֶען אַרַיין אַזוֹי וִוי אַן עֶיר קָאנְדִישָׁאן אִינֶעם גֵיהִינוֹם, אוּן מֶען קֶען זִיךְ פֵּיין אָפְּקִילְן, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט מֶען אַ רְפוּאָה אוֹיף אַלֶע רְמַ"ח אֵבָרִים (זֹהַר חָדָשׁ וַיִּקְרָא). וַוייל דוּרְךְ אֱמוּנָה לֶעבְּט מֶען אַ גוּט לֶעבְּן.

## ח.

### וָואס מֵיינְט אַ גִבּוֹר?

נָאכְדֶעם זָאגְט דֶער צַדִיק וַוייטֶער (שָׁם): "אַל יֵרַךְ לְבַבְכֶם", וֶוערְטְס נִישְׁט צוּבְּרָאכְן אוּן הָאטְס נִישְׁט קַיין מוֹרָא פוּן דִי מִלְחָמָה! דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רמט): דֶער עִיקָר שְׁטַארְקֵייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין זַיין הַארְץ, אוּן וֶוער עֶס הָאט אַ שְׁטַארְק הַארְץ קֶען עֶר בַּאוַוייזְן מוֹרָא'דִיגֶע גְבוּרוֹת, וַוייל אַ גִבּוֹר הֵייסְט אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין מוֹרָא פוּן קַיין שׁוּם זַאך, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי שְׁטַארְקֵייט פוּן שִׁמְשׁוֹן

הַגִבּוֹר אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעוַואגְט צוּ טוּהן מוֹרָא'דִיגֶע זַאכְן, אוּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן גָארְנִישְׁט.

### אִיז טַאקֶע אַ לֵייבּ דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע חַיָה?

וֶועגְן דֶעם הֵייבְּט זִיךְ אָן דֶער שוּלְחָן עָרוּךְ גְלַייךְ מִיט דִי וֶוערְטֶער (אוֹרַח חַיִים סִימָן א, סְעִיף א): "יִתְגַבֵּר כָּאֲרִי... לַעֲבוֹדַת בּוֹרְאוֹ", אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן וִוי אַ לֵייבּ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. כָאטְשִׁיג עֶס אִיז דָא חַיוֹת וָואס זֶענֶען אַסַאךְ שְׁטֶערְקֶער פוּן אַ לֵייבּ, נָאר וִוייבַּאלְד דֶער לֵייבּ הָאט אִין זִיךְ אַ שְׁטַארְקֵייט אַז עֶר הָאט נִישְׁט מוֹרָא פַאר קֵיינֶעם, אוּן דוּרְכְדֶעם צִיעֶן אַלֶע חַיוֹת אָפּ פוּן אִים, דֶערְפַאר הֵייסְט עֶר דֶער שְׁטֶערְקְסְטֶער חַיָה, אוּן עֶר אִיז דִי קֶענִיג פוּן דִי חַיוֹת. בַּיי דִי אַרְמֵיי זֶעהט מֶען דָאס אוֹיךְ, אַז וֶוען אֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין מוֹרָא, אוּן עֶר אִיז בַּיי זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אֲפִילוּ צוּ גֵיין אִין פֵייעֶר אַרַיין, אַבִּי צוּ בַּאזִיגְן דֶעם שׂוֹנֵא, דֶעמָאלְטְס פַאלְט אוֹיפְן אַנְדֶערְן אַזַא שְׁרֶעק אַז עֶר קֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט טוּהן אוּן עֶר מוּז אָפְּצִיהֶען.

## קוּרַאזְשׁ אוּן שְׁטַארְקֵייט - דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִין לֶעבְּן

צוּ הָאבְּן קוּרַאזְשׁ אוּן זַיין שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ, זִיךְ נִישְׁט צוּ דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן גָארְנִישְׁט, אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן אִין לֶעבְּן סֵיי בְּרוּחְנִיוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת! צוּם בַּיישְׁפִּיל, אַז אַ יוּנְגֶערְמַאן וִויל אַרַיינְגֵיין אִין בִּיזְנֶעס, עֶר וִויל עֶפֶענֶען אַ נֵייעֶ גֶעשֶׁעפְט אוּן פַארְקוֹיפְן סְחוֹרָה, מוּז עֶר זַיין שְׁטַארְק אוּן הָאבְּן אַ גוּטֶע רָצוֹן, וַוייל עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי לַייכְט, עֶס אִיז דָא פַארְשִׁידֶענֶע נִסְיוֹנוֹת, עֶס אִיז דָא קָאנְקוּרֶענְצְן וָואס פַארְקוֹיפְן אוֹיךְ דִי זֶעלְבֶּע סְחוֹרָה, אָבֶער אַז עֶר הָאט אַ שְׁטַארְקְן רָצוֹן דֶערשְׁרֶעקְט עֶר זִיךְ נִישְׁט אוּן עֶר גֶעט נִישְׁט גְלַייךְ אוֹיף, נָאר עֶר מַאכְט נִידְרִיגֶערֶע פְּרַייזְן אוּן דָאס גְלַייכְן, אוּן אֲפִילוּ אַז עֶר זֶעהט אַז עֶר הָאט פַארְלוֹירְן גֶעלְט, לָאזְט עֶר נִישְׁט נָאךְ, נָאר עֶר בָּארְגְט אוּן עֶר גֵייט וַוייטֶער, אַזוֹי פְּרוּבִּירְט עֶר אוֹיף אַלֶע פְרָאנְטְן בִּיז עֶר אִיז מַצְלִיחַ, אַוַודַאי דַארְף מֶען בַּיי יֶעדֶע זַאךְ הָאבְּן סִיַעְתָא דִשְׁמַיָא, אָבֶער דָאס אִיז אַלֶץ גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן נָאכְדֶעם וָואס מֶען הָאט דֶעם רָצוֹן.

### מִיט רָצוֹן קוּמְט מֶען אָן צוּ אַלֶעם!

דָאס זָאגְן מִיר יֶעדְן טָאג (תְּהִלִּים קמה, טז): "פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶיךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן", דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל זַאט מַאכְן יֶעדְן מֶענְטְשׁ מִיט רָצוֹן; שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ פְּרַאגֶע, פַארְוָואס שְׁטֵייט נִישְׁט 'מָזוֹן', אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דָאךְ הָאבְּן עֶסְן אוֹיף צוּ וֶוערְן זַאט נִישְׁט 'רָצוֹן'?! נָאר אַז מֶען הָאט דֶעם רָצוֹן וֶועט מֶען שׁוֹין אַלֶעס הָאבְּן, אָבֶער אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין רָצוֹן קֶענְסְטוּ אַרָאפְּלֵייגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ דִי בֶּעסְטֶע עֶסְן אוֹיפְן טִישׁ דָאךְ וֶועט עֶר נִישְׁט עֶסְן, וַוייל דֶער עִיקָר אִיז דִי רָצוֹן, אוּן אַז אֵיינֶער הָאט דֶער רִיכְטִיגֶער רָצוֹן, וֶועט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט נָאכְלָאזְן, וַוייל עֶר גְלֵייבְּט אִין זִיךְ, אוּן עֶר הָאט סֶעלְף קַאנְפִידֶענְץ אוֹיסְצוּפִירְן וָואס עֶר ווִיל, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סא): פּוּנְקְט ווִי מֶען דַארְף הָאבְּן אֱמוּנָה אִינֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי דַארְף מֶען אוֹיךְ הָאבְּן אֱמוּנָה אִין זִיךְ, אַז אִיךְ וֶועל עֶס בַּאוַוייזְן, אוּן אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַ מַצְלָח. אוּן אֲפִילוּ אַז אִיךְ בִּין אַן אָרִימַאן אוּן אִיךְ הָאב נָאךְ יֶעצְט

גָארְנִישְׁט, דַארְף דָאס דֶער צְוֵוייטֶער נִישְׁט וִויסְן, דָאס אִיז די גְרֶעסְטֶע הַצְלָחָה אֲפִילוּ בְּגַשְׁמִיוּת.

### בַּיי רוּחְנִיוּת דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ מֶער "סֶעלְף קַאנְפִידֶענְץ"

וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער יוּד, דַארְף מֶען אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי הָאבְּן סֶעלְף קַאנְפִידֶענְץ, אוּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, וַוייל גְלַייךְ וֶוען אֵיינֶער ווִיל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דֶערְשְׁרֶעקְט מֶען אִים שׁוֹין אָפּ מִיט אַלֶע מִינֵי שְׁרֶעק: עֶס אִיז נִישְׁט פַאר דִיר! דוּ וֶועסְט דָאס נִישְׁט קֶענֶען בַּאוַוייזְן! בִּפְרַט וֶוען עֶר זֶעהט טַאקֶע אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גְלַייךְ, וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען אוֹיף דֶעם הָאבְּן דִי מֶערְסְטֶע הִתְחַזְקוּת, זִיךְ נִישְׁט צוּ דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן חַס וְשָׁלוֹם אוֹיף קַיין שׁוּם פַאל אִין דֶער וֶועלְט.

# אַ גוטֶע חִינוּךְ

**דוּ בִּיסְט דֶער בֶּן מֶלֶךְ - דֶעם בַּאשֶׁעפֶערְס בַּאלִיבְּטֶע קִינְד**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט פַארְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יא), אַז אַמָאל אִיז פַארְטוּישְׁט גֶעוָוארְן אַ בֶּן מֶלֶךְ מִיט אַ בֶּן שִׁפְחָה, אוּן עֶס אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַסַאךְ שְׁוֶועריִקֵייטְן אוּיפְן בֶּן מֶלֶךְ בִּיז עֶס אִיז עֶנְדְלִיךְ אַרוּיסְגֶעקוּמֶען דֶער אֱמֶת אַז עֶר אִיז טַאקֶע דֶער בֶּן מֶלֶךְ. זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן (לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת, בִּרְכַּת הַשָּׁחַר הֲלָכָה ג), אַז דָאס גֵייט אַרוּיף אוּיף יֶעדְן אִיד, וַוייל יֶעדֶער אִיד אִיז אַ בֶּן מֶלֶךְ, אַזוֹי וִוי דִי תּוֹרָה זָאגְט (דְּבָרִים יד, א): **בָּנִים אַתֶּם לַה' אֱלֹקֵיכֶם**; אַזוֹי אוּיךְ זָאגְט דִי גְמָרָא (שַׁבָּת סז ע"א): אַלֶע אִידְן זֶענֶען בְּנֵי מְלָכִים. נָאר צוּלִיבּ דֶעם לַאנְגֶען גָלוּת, נָאכְדֶערְצוּ נָאכְדֶעם וָואס אִיז שׁוֹין דוּרְךְ אוּיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַזוֹיפִיל צָרוֹת, אוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ בַּאזוּנְדֶער הָאט זִיךְ שׁוֹין אוּיךְ פַארְשְׁמִירְט אוּן דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת, דֶערִיבֶּער פַּאסִירְט זֵייעֶר אָפְט, אַז מֶען אִיז שׁוֹין בַּיי זִיךְ אַזוֹי גֶעפַאלְן, בִּיז מֶען מֵיינְט, אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט מֶער וִוי דֶער בֶּן הַשִּׁפְחָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיךְ שׁוֹין נִישְׁט, אוּן אִיךְ בִּין

שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, בְּשְׁעַת דוּ בִּיסְט דֶער בֶּן הַמֶּלֶךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיךְ יָא, עֶר הָאט דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, אוּן דוּ בִּיסְט בַּיי אִים זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב, אוּן אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט דוּרְכְגֶעפַאלְן קֶענְסְטוּ זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְהֵייבְּן פוּן דִי מַארַאסְט אוּן וַוייטֶער גֵיין, אוּן אַז דוּ בִּיסְט וַוייטֶער אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין בְּלָאטֶע, וֶועסְטוּ זִיךְ וַוייטֶער אוֹיפְהֵייבְּן אוּן אָפְּוַואשְׁן, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן מִיד, וַוייל דוּ בִּיסְט דֶעם קֶענִיגְס אַ קִינְד, וָואס אִיז בַּיי אִים דִי מֶערְסְטֶע חָשׁוּב, אוּן עֶר וַוארְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דִיר.

### דִי בִּיטֶערֶע טָעוּת וָואס מֶען הָאט נָאכְן הֶערְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים

לֵייגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן צוּ נָאכְמֶער (שָׁם אוֹת ו׳), אַז מֶען זֶעהט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ אַז וֶוען מֶען דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, וָואס דָאס אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע זַאךְ אוּן עֶס עֶרְוֶועקְט זֵייעֶר שְׁטַארְק דֶעם הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל אוֹיךְ וֶועלְן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער גְלַייךְ נָאכְדֶעם טְרַאכְט מֶען: וִוי קֶען אִיךְ זִיךְ בִּכְלַל צוּגְלַייכְן צוּ דֶעם צַדִיק, עֶר שְׁטַאמְט דָאךְ פוּן גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן

שׁוֹין פוּן קִינְדְוַוייז אוֹיס אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ צַדִיק, אָבֶער וָואס הָאט דָאס מִיט מִיר, אִיךְ בִּין אַ פָּשׁוּטֶער מֶענְטְשׁ מִיט אַ גְרוֹיסְן יֵצֶר הָרַע, אוּן דִי אַלֶע זַאכְן הָאט נִישְׁט קַיין שַׁייכוּת צוּ מִיר...! דָא לִיגְט דֶער טָעוּת!!! וַוייל בֶּאֱמֶת קֶען יֶעדֶע אִיד אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶעם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעוֶועהלְט קַיין סְפֶּעצִיעֶלֶע נְשָׁמוֹת וָואס זֵיי זָאלְן זַיין דִי צַדִיקִים, פַּארְקֶערְט, אוֹיף אַלֶע צַדִיקִים אִיז אוֹיךְ דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דִי זֶעלְבֶּע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת וִוי מִיר הָאבְן, נָאר זֵיי הָאבְן זִיךְ גֶעקֶענְט בֶּעסֶער דֶערְהַאלְטְן, אוּן זֵיי הָאבְן נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְן.

### גְרוֹיסֶע צַדִיקִים - מֶער הִתְחַזְקוּת

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעשְׁמוּעֶסְט פוּן הִתְחַזְקוּת, הָאט עֶר גֶעזָאגְט מִיט אַ בְּרֶען: פַּארְוָואס אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי גֶעוֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְקוּת! פַּארְוָואס אִיז דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ גֶעוֶוען דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְקוּת! פַּארְוָואס אִיז

דֶער בַּעַל-שֵׁם-טוֹב-הַקָדוֹשׁ גֶעוֶוען דֶער בַּעַל-שֵׁם-טוֹב-הַקָדוֹשׁ? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְקוּת! פַארְוָואס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְקוּת! הָאט עֶר אוֹיסְגֶעפִירְט, פַארְוָואס בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם וָואס אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען? וַוייל אִיךְ הָאבּ אִין מִיר דִי מָאס הִתְחַזְקוּת!

### רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי הָאט מִיטְגֶעמַאכְט אוּן זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען

רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעהַאט מוֹרָא׳דִיגֶע צָרוֹת פוּנֶעם רוֹמִי׳שֶׁען קֵיסָר וָואס הָאט אִים גֶעוָואלְט כַאפְּן, קוֹדֶם הָאט עֶר זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, אוּן זַיין וַוייבּ פְלֶעגְט אִים בְּרֶענְגֶן צוּעֶסְן דָארְט, נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּהן: אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז מֶען וֶועט כַאפְּן דֶעם מַאמֶען אוּן מֶען וֶועט אִיר פַּיינִיגְן בִּיז זִי וֶועט אוֹיסְזָאגְן וואוּ אִיךְ בִּין! דֶערְפַאר אִיז עֶר אַנְטְלָאפְן אוּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין אַ מְעָרָה, עֶר הָאט דָארְט גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקְן בִּטָחוֹן, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַאפְן אַ

באקסער בוים און א קוואל וואסער. שטעלט אייך פאר אז מיר זאלן דארפן אנטלויפן פון די פאליציי און זיך באהאלטן אין א הייל, וואלטן מיר אינגאנצן צופאלן געווארן...! אבער רבי שמעון בר יוחאי האט זיך מחזק געווען מיט אלע כוחות, און דווקא דארט האט ער מגלה געווען אלע סודות פון די תורה, און ער האט דארט געמאכט דעם הייליגן ספר תיקוני זהר.

### דער אר"י הקדוש האט מיטגעמאכט און זיך מחזק געווען

דער אר"י הקדוש איז געווען א יתום פון אלץ קליין קינד, און ער האט געמוזט זיין ביי א פעטער אין מצרים לעבן די טייך נילוס, דארט איז ער געווען אליין, און ער האט אפילו נישט געהאט מיט וועם צו רעדן א ווארט, שטעלט אייך פאר א מענטש וואס ווייסט אזויפיל, און ער האט אזא גלוי אלקות, אלע עולמות זענען פאר אים אפען, און ער קען מיט קיינעם נישט מיטטיילן א ווארט, ביז ענדליך אין די לעצטע איינס און א האלב יאר פון זיין לעבן, האט אים דער באשעפער געזאגט: גיי ארויף קיין

אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דָארְט וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַ תַּלְמִיד רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל אוּן פַּאר אִים זָאלְסְטוּ אִיבֶּערְגֶעבְּן אַלֶעס וָואס דוּ וֵוייסְט.

### דֶער בַּעַל-שֵׁם-טוֹב הַקָּדוֹשׁ הָאט מִיטְגֶעמַאכְט אוּן זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶועזְן

דֶער בַּעַל-שֵׁם-טוֹב-הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוֹיף זִיךְ גֶעהַאט מוֹרָא'דִיגֶע מַחְלוֹקֶת, אַזוֹי וַוייט אַז זַיין נְשָׁמָה הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט בִּיז מֶען וֶועט אִים גֶעבְּן זֶעכְצִיג גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים [שִׁשִּׁים גִּבּוֹרִים], וָואס זֵיי זָאלְן אִים שְׁטֵיין צוּ הִילְף, אַז עֶר זָאל דָאס קֶענֶען אִיבֶּערטְרָאגְן.

### דִי שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיף בְּרֶסְלֶב

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז דָאךְ אָפְּגֶערֶעדְט, עֶר הָאט גֶעהַאט אַזַאלֶעכֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן אַזַאלֶעכֶע גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת וָואס מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט שׁוֹין דוּרְךְ אַלֶע נִסְיוֹנוֹת, נֶעמְט מֶען מִיךְ פַאר אַ נִסָּיוֹן!

דָאס הֵייסְט, מֶען שְׁטֶעלְט אִים דֶעמָאלְטְס פַאר אַ נִסָיוֹן צוּ עֶר וֶועט נִישְׁט קְרִיגְן אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי״ן, אוּן צוּ עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן בַּיים רֶבִּי״ן, אוּן דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע נִסָיוֹן אִין דֶער וֶועלְט, צוּ בְּלַייבְּן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי״ן, וַוייל מֶענְטְשְׁן מַאכְן חוֹזֶק: דָאס זֶענֶען מְשֻׁגָּעִים! כָאטְשִׁיג עֶס קְלֶעבְּן זִיךְ טַאקֶע צוּ אִין בְּרֶסְלֶב מְשֻׁגָּעִים, וָואס דָאס רַייסְט לֵיידֶער אָפּ מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי״ן, אָבֶּער דִי סִיבָּה אִיז פָּשׁוּט, וַוייל וואוּ עֶס אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע לֶעכְטִיגְקֵייט הֶענְגְן זִיךְ דָארְט אָן מְשֻׁגָּעִים, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט וֶוען מֶען צִינְדְט אָן בַּיינַאכְט אַ לֶעקְטֶער אִינְדְרוֹיסְן, גְלַייךְ קוּמֶען אַלֶע פְלִיגְן אוּן מֶעסְקִיטָאס צוּ פְלִיעֶן דָארְט.

### דִי שְׁוֶועריִקַייטְן פוּן אִינֶעוֵוייניג

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן קנב), אַז אַמָאל שְׁטֶעלְט מֶען אַוֶועק בַּיים טִיר פוּנֶעם צַדִיק, אַ יְרֵא שָׁמַיִם, וָואס עֶר זָאל צוּרִיקְהַאלְטְן מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען אַרַיינְגֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי״ן; אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהט אַז אַמָאל הָאט מֶען פוּן אֵייגֶענֶע מֶענְטְשְׁן אוֹיךְ

נִסְיוֹנוֹת, צוּם בַּיישְׁפִּיל, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם זֹהַר, אוּן דִי כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל, אוּן דֶער לִימוּד פוּנֶעם בַּעַל-שֵׁם-טוֹב-הַקָדוֹשׁ, אוּן דָאס אַרָאפּ גֶעבְּרֶענְגְט אַזוֹי נִידֶערִיג, אַז אֲפִילוּ אַזֶעלֶעכֶע צוּבְּרָאכֶענֶע נְשָׁמוֹת וִוי מִיר זֶענֶען, זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען שְׁפִּירְן אֱלֹקוּת (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָנִים שס-שסז), קוּמֶט מֶען הַיינְט אוּן מֶען דְרֵייט אִיבֶּער, מֶען רֶעדְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אוֹיף אַ הוֹיעֶכֶע שְׁפְּרַאךְ, וָואס קֵיינֶער הָאט נִישְׁט קֵיין אַנוּנְג וָואס עֶס מֵיינְט, אוּן דוּרְכְדֶעם וֶוערְן מֶענְטְשְׁן צוּבְּרָאכְן אוּן דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אָבֶּער לֵיידֶער אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אַ שִׁיטָה צוּ צוּבְּרֶעכֶען אַנְדֶערֶע[5].

[5] אַלְץ יוּנְג בָּחוּר הָאב אִיךְ גֶעהַאט אַ מַגִיד שִׁיעוּר וָואס הָאט גֶעהַאט אַ טֶבַע צוּ צוּבְּרֶעכְן דִי בָּחוּרִים, עֶר פְלֶעגְט זֵיי פְרֶעגְן בַּיים פַארְהֶער זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע קֻשְׁיוֹת, וָואס דִי מַהֲרְשָׁ"א אַלֵיין הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין תֵּירוּץ אוֹיף דֶעם אוּן גֶעשְׁרִיבְּן צָרִיךְ עִיּוּן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען הָאט אַוַודַאי נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶנְטְפֶערְן, אוּן אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר אוּנְז גוּט צוּבְּרֶעכְן, דִי בָּחוּרִים הָאבְּן שׁוֹין קוֹים גֶעוַוארְט וֶוען מֶען וֶועט פָּטוּר וֶוערְן פוּן אִים... !

### דֶער עִיקָר דֶעם רֶבִּינְ׳ס פַּשְׁטוּת און תְּמִימוּת

מֶען זֶעהְט אַז נַארִישֶׁע מֶענְטְשְׁן וֶוערְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דֶעם שְׁפְּרַאךְ: קוּק אָן, עֶר רֶעדְט פוּן הוֹיעֶכֶע מַדְרֵיגוֹת! בְּשַׁעַת דוּ דַארְפְּסְט דִיךְ מַאכְן אַ פָּשׁוּטֶען חֶשְׁבּוֹן, דַאוֶוענְסְטוּ בֶּעסֶער וֶועגְן דֶעם? דוּ בֶּענְטְשְׁסְט אִין אַ סִידוּר אַדַאנְק דֶעם? לֶערְנְסְטוּ חוּמָשׁ

---

מִיט פוּפְצִיג יָאר שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ אַמָאל גֶעטְרָאפְן דֶעם מַגִּיד שִׁיעוּר בַּיי אַ חֲתוּנָה [עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ חָשׁוּבֶער רָב, און גֶעוואוֹינְט סוֹף יָמָיו אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל], זָאגְט עֶר מִיר: זַייט נִישְׁט בְּרוֹגֶז, אָבֶּער אִיךְ ווִיל אַייךְ פְּרֶעגְן, פַארְוָואס הָאבְּן מִיר אַלֶע תַּלְמִידִים פַיינְט בִּיזְן הַיינְטִיגְן טָאג? זָאג אִיךְ אִים: אִיךְ הָאבּ אַייךְ נִישְׁט פַיינְט. אָבֶּער בַּיי מִיר אִין הַארְץ הָאבּ אִיךְ גוּט גֶעוואוּסְט פַארְוָואס אַלֶע אַנְדֶערֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן אִים פַיינְט: אַוַודַאי, עֶר הָאט אוּנְז גוּט צוּבְּרָאכְן, פַארְוָואס זָאל מֶען אִים נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן!

עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז אַ מְלַמֵּד הָאט אַמָאל פָארְגֶעלֶערְנְט פַאר דִי קִינְדֶער דִי פֶּרֶק פוּן שׁוֹר שֶׁנָּגַח אֶת הַפָּרָה (בָּבָא קַמָּא דַף מו ע״א), הָאט עֶר זֵיי מַסְבִּיר גֶעוֶוען, צוּם בַּיישְׁפִּיל, אַז אַ אָקְס הָאט מִיר גֶעשְׁטוֹיסְן און אִיךְ וֶוער קְרַאנְק, וָואס וָואלְט דֶעמָאלְטְס גֶעוֶוען - פְּרֶעגְט עֶר דִי קִינְדֶער?! זָאגְן זֵיי: עֶס וָואלְט גֶעוֶוען אַ יוֹם טוֹב אִין חֶדֶר...!

לְכָבוֹד דֶעם? מִשְׁנַיוֹת לֶערְנְסְטוּ? גְמָרָא?! אוֹיבּ נִישְׁט, זֶעהסְטוּ דָאךְ גְלַייךְ וִוי מֶען פַארְנַארְט דִיךְ סְתַּם מִיט דִי אַלֶע הוֹיכֶע לְשׁוֹנוֹת פוּן קַבָּלָה, אָבֶּער דוּ הָאסְט גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן. פַארְקֶערְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קא): דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז דָאךְ זִיכֶער הֶעכֶער פוּן אַלֶעם, דָאךְ אִיז עֶר פָּשׁוּט מִיטְן גְרֶעסְטְן מָאס פַּשְׁטוּת! אַזוֹי אוֹיךְ צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער יוּד דַארְף מֶען נִישְׁט קַיין שׁוּם חָכְמוֹת נָאר פַּשְׁטוּת אוּן תְּמִימוּת, וַוייל צוּ זַיין פָּשׁוּט אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס.

### וָואס דַארְף מֶען קוּקְן וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַ צַדִיק?

דֶערִיבֶּער וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַן עֶרְלִיכֶן אִיד דַארְף מֶען דֶער עִיקָר קוּקְן וָואס הָאבּ אִיךְ פוּן אִים, פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי אַ גוּטֶע רֶבִּי אִין חֵדֶר הֵייסְט, אוֹיבּ דִי אִינְגֶעלֶע קֶען גוּט וָואס מֶען לֶערְנְט מִיט אִים, עֶר קוּמְט אַהֵיים מִיט אֵיין שִׂמְחָה: מַאמִי, אִיךְ וֵוייס שׁוֹין וָואס אַן אַלֶף אִיז! אִיךְ קֶען שׁוֹין חוּמָשׁ! אִיךְ קֶען שׁוֹין מַאכְן בְּרָכוֹת! אָבֶּער אוֹיבּ דָאס קִינְד קֶען גָארְנִישְׁט, מֶעג דֶער מְלַמֵד הֵייסְן דֶער גְרֶעסְטֶער

תַּלְמִיד חָכָם אוּן אַלֶעס קֶענֶען, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גָארְנִישְׁט פוּן דֶעם, אוּן עֶר קֶען קַיין מְלַמֵּד נִישְׁט זַיין...! דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דֶער עִיקָר חָכְמָה פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז, וִוי אַזוֹי עֶר הָאט גֶעקֶענְט אַרָאפְּבְּרֶענְגֶן דִי גְרֶעסְטֶע אוֹרוֹת אוּן הַשָּׂגוֹת אֲפִילוּ צוּ אַזַאלֶעכֶע פַארְגְרֶעבְּטֶע מֶענְטְשֶׁן וִוי אוּנְז, מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, מִיר זָאלְן אוֹיךְ מַאכְן אַ בְּרָכָה שֶׁהַכֹּל אוּן אִינְזִין הָאבְּן אַז אַלֶעס אִיז פוּן בַּאשֶׁעפֶער, מִיר זָאלְן גֵיין דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל דְרֵיי מָאל אַ טָאג, מִיר זָאלְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי צִיצִית, תְּפִלִּין, מְזוּזָה מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה! דֶערְפַאר זִיךְ צוּ קֶענֶען הַאלְטְן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דַארְף מֶען הָאבְּן דִי גְרֶעסְטֶע מָאס הִתְחַזְקוּת.

## ט.

### גֵיי פָארְאוֹיס אָן שְׁרֶעק - אַנְטְלוֹיף נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק

דָאס אִיז וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים כ, ג): "אַתֶּם קְרֵבִים הַיּוֹם לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֵיכֶם וְגוֹ', אַל תִּירְאוּ וְאַל תַּחְפְּזוּ וְאַל תַּעַרְצוּ מִפְּנֵיהֶם"; דֶער צַדִיק לֶערְנְט דִיךְ אוֹיס,

אַז כָאטְשִׁיג עֶס קוּקְט דִיר אוֹיס וִוי אַ שְׁוֶועְרֶע מִלְחָמָה, מֶען שְׁרֶעקְט דִיך אִיבֶּער מִיט אַלֶע מִינֵי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאכְן, כְּדֵי עֶס זָאל פַאלְן אוֹיף דִיר אַ פַּחַד צוּ וֶועלְן זַיין אַ עֶרְלִיכֶער יוּד אוּן זַיין מְקוּרְב צוּם צַדִיק, דָאךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן צוּפַאלְן, אוּן דוּ דַארְפְסְט דִיך גָארְנִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן, נָאר שְׁטֶענְדִיג גֵיין פָארְאוֹיס אָן קַיין שְׁרֶעק [6], אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוּן אַנְטְלוֹיפְן חַס וְשָׁלוֹם פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט זַיין, וַוייל דִי עֶרְשְׁטֶע דוּרְכְפַאל בַּיי אַ מִלְחָמָה אִיז צוּ אַנְטְלוֹיפְן אוֹיף צוּרִיק, אוּן אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל דוּרְכְגֶעפַאלְן, אוּן דוּ

---

[6] דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל גֶעפָארְן זִיךְ הֵיילְן אִין דִי שְׁטָאט ווִיעְן, אוּן ווִיבַּאלְד דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע טִיעְר-גָארְטְן [זוּ] פוּן אַלֶע סָארְטְן חַיוֹת, אִיז עֶר אֵיין טָאג דָאס גֶעגַאנְגֶען קוּקְן, וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען לֶעבְּן דֶעם לֵייבּ, הָאט זִיךְ דֶער לֵייבּ גֶעגֶעבְּן אַ בּוּק פַאר אִים, וַוייל אַז אַ מֶענְטְש אִיז אַזוֹי דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם קַיין מוֹרָא, פַארְקֶערְט אַלֶע הָאבְּן פוּן אִים מוֹרָא.

פאלסט נאך ווייטער דורך, זאלסטו זיין זייער שטארק מיט זיך, און וויסן אז דער באשעפער איז שטענדיג מיט דיר, און אז דו וועסט זיין שטארק ביי דיר און פון גארנישט מורא האבן, וועסטו ביים סוף איבערקומען אלע נסיונות (שיחות הר"ן סימן קכ).

## י.

### האבן געדולד אין שטוב

"די גרעסטע נסיון האט מען אין די מדה פון כעס", ווייל דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן סימן רמט): ווער עס איז פוגם אין די ברית, איז ער א אויפגערעגטער נערוועזער מענטש. פארשטייט זיך אליין אז צום ערשט פאלט עס אויף די ווייב, און זי ליידט דערפון די מערסטע, ממילא האט מען שוין נישט קיין שלום בית, און אז מען האט נישט קיין שלום בית האט מען שוין נישט גארנישט, נאכדעם זאגט דער יונגערמאן: וואס האט מיר אויסגעפעלט חתונה צו האבן? אלץ בחור איז מיר שוין געווען אסאך בעסער! פארוואס דארף איך

הָאבְּן אוֹיף מַיין קָאפּ אַ פָּאלִיצַיַאנְטְקֶע וָואס זָאל מִיךְ נָאכְגֵיין אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט: וואוּ גֵייסְטוּ? וואוּ בִּיסְטוּ גֶעוֶוען?! בְּשָׁעַת דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת, וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר הָאט סַבְלָנוּת אִין שְׁטוּבּ, אוּן עֶר לֶעבְּט אַ שֵׁיין לֶעבְּן מִיט שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט, וֶועט זִי מִיט אִים אֵיינְס, אוּן עֶר וִויל מִיט אִיר אַלֶעס מִיטְטֵיילְן, וואוּ עֶר גֵייט אוּן וואוּ עֶר קוּמְט, וָואס דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ, אָבֶער מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד אִין שְׁטוּבּ, וַוייל אַ פְרוֹי קֶען שְׁנֶעלֶער וֶוערְן אוֹיפְגֶערֶעגְט, וֶוער רֶעדְט נָאךְ קִינְדֶער קֶענֶען אִינְגַאנְצְן אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי עֶלְטֶערְן פוּן דִי כֵּלִים; דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען דִי מֶערְסְטֶע הָארֶעוֶוען צוּ הָאבְּן גֶעדוּלְד, סֵיי צוּ זִיךְ אַלֵיין, צוּ קֶענֶען אוֹיסְהַאלְטְן וִוילַאנְג מֶען קוּמְט אִיבֶּער אַלֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן סֵיי וָואס מֶען לַיידְט פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, סְפֶּעצִיעֶל אִין שְׁטוּבּ דַארְף מֶען זִיךְ אוּמְגֵיין מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע סַבְלָנוּת, דָאס אִיז דִי הַצְלָחָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ, אוּן וֶוער עֶס הָאט מֶער גֶעדוּלְד דֶער גֶעוִוינְט. אוּן צוּ סַבְלָנוּת קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין נָאר דוּרְךְ אֱמוּנָה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קנה).

**דָא לֶערְן אִיךְ אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פַאר עֶר אִיז אַרוֹיף גֶעפָארְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פְּלֶעגְט עֶר לֶערְנֶען צוּזַאמֶען מִיטְן הֵיילִיגְן בַּארדִיטְשׁוֹבֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דֶעם פִּירוּשׁ רִי״ף אוֹיפְן שַׁ״ס [7], אֵיינְמָאל וֶוען

[7] ווי בַּאקַאנְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל פוּן רִימֶענוּב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוֹיךְ גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ רִי״ף, אָבֶער זַיין הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה הָאט זֵייעֶר גֶעבְּרֶענְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט אָנְקוּמֶען צוּ זַיין תַּכְלִית, אֵיינְמָאל אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁלָאפְן אִינְמִיטְן לֶערְנֶען רִי״ף, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רִי״ף אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אִין חָלוֹם אוּן גֶעזָאגְט: פָאר אוֹיף לִיזֶענְסְק דָארְט וֶועסְטוּ קוּמֶען צוּ דַיין תִּקּוּן! הָאט עֶר זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט וואוּ דָאס אִיז, אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן פוּן דַייטְשְׁלַאנְד וואוּ עֶר הָאט דַאן גֶעוואוֹינְט, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּהן מִיט קוּרְצֶע מַלְבּוּשִׁים אַזוֹי וִוי זֵייעֶר שְׁטֵייגֶער, אוּן וִוי בַּאקַאנְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מוֹרָא׳דִיג מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל גֵיין מִיט חֲסִידִי״שֶׁע מַלְבּוּשִׁים, אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין זוּהן רֶבִּי אֶלְעָזָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ עֶר זָאל נִישְׁט צוּ אִים אַרֵיינְלָאזְן נָאר אַז מֶען גֵייט מִיט לַאנְגֶע מַלְבּוּשִׁים, אוּן אַזוֹי וִוי עֶס פְּלֶעגְן קוּמֶען מֶענְטְשְׁן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט פַאר יְשׁוּעוֹת, אִיז אִין דִי פָאר-צִימֶער גֶעוֶוען גְרֵייט אַ חַאלַאט, מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען טוֹישְׁן פַאר

ער איז שוין געווען אין ארץ ישראל האט אים דער הייליגער בארדיטשובער רב געפרעגט, אויב ער לערנט נאך רי״ף, האט ער געזאגט: דא לערן איך אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט!

**די גרעסטע זאך איז פשוט׳ע אמונה**

זעהט אויס אז די העכסטע זאך צו וואס א מענטש דארף קומען אויף די וועלט איז די פשוט׳ע אמונה, מען זאל זיך פרייען מורא׳דיג שטארק מיט יעדע מצוה, און

---

מען גייט אריין צום הייליגן רבי ר׳ אלימלך, אבער פונקט ווען דער הייליגער רבי מענדעלע זכותו יגן עלינו איז אנגעקומען איז נישט זיין זוהן און אויך נישט די גבאים דארטן געווען, איז ער גלייך אריינגעגאנגען אזוי מיט זיינע דייטשע מלבושים, און דער רבי רבי אלימלך האט זיך מיט אים פארשפארט און גערעדט מיט אים גאר א לאנגע צייט, ווען ער איז ארויסגעקומען און דער זוהן דער הייליגער רבי אלעזר האט אים באמערקט, איז אים באפאלן א מורא: יעצט וועל איך כאפן פון מיין טאטן פארן לאזן אזוי אריינגיין צו אים. ביז דערוויל האט אים זיין הייליגער טאטע גלייך געזאגט: אים לאז אפ, ער וועט נאך זיין זייער גרויס!

זיך פירן ווי א פשוטער איד, אריינקומען אין בית המדרש און קישן די מזוזה, אנטוהן טלית ותפלין, דאווענען מיט כונה און טראכטן די ווערטער וואס מען זאגט, גלייך נאכן דאווענען זיך מאכן א שיעור מיט די תפלין דרבנו תם [8] (עיין בסדור עת רצון מאמר קבלת פני השכינה בשם האר״י), דערנאך גייט מען אהיים, נאכדעם אז מען גייט ארבעטן געט מען אכטונג נישט צו גנב'ענען און פאפען אנדערע חלילה, דאס איז די העכסטע מדריגה אז מען פירט זיך ווי א איד לויטן שלחן ערוך, מיט אמונה פשוטה, און אויפן אויסגעטראטענעם וועג פון אונזערע זיידעס און עלטער זיידעס.

---

[8] איך אליין האב נישט איינמאל געזעהן ווי דער הייליגער סאטמערער רבי [הדברי יואל] זכותו יגן עלינו לערנט חומש רש״י מיט די תפילין רבינו תם, ווי אויך פלעגט ער דעמאלטס זאגן א יום תהלים מיט גרויס געוויין.

### ווי אַזוי ווייסט מען אויב מען טוט גוט אָדער נישט?

דער הייליגער רבי זאָגט (ליקוטי מוהר"ן חלק ב, סימן יב): ווען אַ מענטש גייט מיט חכמות קען ער זייער שטאַרק פאַרקריכן, און דער עיקר אידישקייט איז נאָר תמימות ופשיטות, און ביי יעדע זאַך וואָס מען טוט דאַרף מען נאָר קוקן אויפן באַשעפער, איז דער באַשעפער דאַרט זאָל מען עס טוהן, אויב נישט, נישט. שטעלט זיך אַ שאלה: האָט שוין דען אַ מענטש געזעהן דעם באַשעפער, אַז מען זאָגט אים ער זאָל קוקן צו דער באַשעפער איז דאָרט אָדער נישט?! נאָר עס שטייט אין זהר הקדוש (פרשת אחרי דף עג ע"א), אַז דער אייבערשטער מיט די תורה און די אידן זענען איינס; קומט אויס אַז מען דאַרף שטענדיג קוקן וואָס זאָגט די תורה צו דעם, שטייט דאָס אין שלחן ערוך דאַן איז גוט און מען דאַרף עס טוהן, אַז נישט איז נישט.

### די גרעסטע מדריגה איז פשוט'ע אידישקייט מיט אַ תמימות

דעריבער די מינוט אַז מען הייבט אָן אַוועק צו דרייען פון פשוט אידישקייט, און מען זאָגט אַז היינט דאַרף מען

מֶער נִישְׁט לֶערְנֶען גְמָרָא, מֶען דַארְף נָאר לֶערְנֶען קַבָּלָה אוּן סִתְרֵי תּוֹרָה, אָדֶער אַז מֶען רֶעדְט אוֹיף לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ״י, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, אוֹיף מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ אוּן דָאס גְלַייכְן, טוֹיג שׁוֹין נִישְׁט, אָדֶער אַז מֶען גֵייט אִין דִי חֻקַּת הַגּוֹיִם, מֶען מַאכְט נָאךְ דִי גוֹיִם מִיט זֵייעֶרֶע מַלְבּוּשִׁים, מִיט זֵייעֶרֶע שִׁיךְ, אָדֶער טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגְן וִוי דִי גוֹיִם, טוֹיג עֶפֶּעס נִישְׁט, וַוייל אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט דֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוּן מֶען הֵייבְּט זִיךְ אָן צוּ פִירְן מִיט נֵייעֶ אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע הַנְהָגוֹת, אֲפִילוּ מֶען רֶעדְט הוֹיעֶכֶע זַאכְן פוּן קַבָּלָה, אוּן עֶס קוּקְט אוֹיס וֶוער וֵוייסְט וָואס, אָבֶּער אַז עֶס אִיז נֵייעֶ הַנְהָגוֹת וָואס מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גֶעפִירְט, אוּן עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, טוֹיג דָארְט עֶפֶּעס נִישְׁט, אוּן מֶען נַארְט דִיךְ גוּט אַרוּם, אַזוֹי וִוי וֶוען אֵיינֶער זָאגְט אַ מֶערְכְטִיגְן פִּלְפּוּל, אוּן עֶס זִיצְן דָארְט עַמֵּי הָאַרְצִים וָואס זֵיי וֵוייסְן אֲפִילוּ נִישְׁט וָואס עֶר רֶעדְט, זָאגְן זֵיי אַז עֶר קֶען גוּט לֶערְנֶען, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ בַּיי אֱמוּנָה, וֶוער עֶס הָאט אַ שְׁוַואכְן שֵׂכֶל קֶען מֶען אִים אַיינְרֶעדְן אַז עֶס אִיז דָא שְׁטַארְקֶע קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶּער, בִּשְׁעַת דָאס קוּמְט

נאר ווייל דו האסט צו א קליינעם שכל (עיין ליקוטי מוהר״ן חלק א, סימן סד); אזוי איז אויך מיט די קבלה שפראך, ווער עס איז נישט אמת׳דיג באקאנט דערין, קען מען אים איינרעדן אלע מיני נארישקייטן, און ער רעדט זיך איין אז מען פירט אים אוודאי אויפן ריכטיגן וועג, אבער ביים סוף דערזעהט ער זיך מיט גארנישט אין דער האנט רחמנא לצלן.

דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל זוכה זיין זיך צו פירן אויפן גראדן וועג, וואס דאס איז די זיכערסטע וועג, און זוכה זיין אינעם גאנצן חודש אלול זיך צו צוגרייטן אויף ראש השנה, מען זאל האבן א כתיבה וחתימה טובה, און א גוט געבענטשט יאר מיט געזונט, און מען זאל שוין זוכה זיין צו די גאולה.

~תם ונשלם שבח לאל בורא עולם~

# הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מורינו **ראש הישיבה** שליט"א

וזוגתו

**אסתר גיטל** תחי',

וילדיהם

**שלמה** ומשפ',

**אלחנן חיים** ומשפ',

**מרים העניא זיסל** ומשפ',

**שמעון, נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,**

**רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל.**

הקדוש ברוך הוא ימלא

את כל משאלות לבם לטובה

ויתברכו מפי עליון

בבני חיי ומזוני רוויחא

ויזכו לרות רוב נחת דקדושה

מכל יוצאי חלציהם

אמן כן יהי רצון